NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13247

A KHAVER IN SHLAKHT

A. Skuditsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סקודיצקי

א כאווער אין שלאכט

PRINTED in U S.S.R.

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָ-
נאַלע מינדערהייטן אין אוסר"ר

כארקאָוו 1934 קיִעוו

פאראנטוואָרטלעכער רעדאַקטער אי. סודאַר-
סקי. קינסטלער. רעדאַקטער כ. ליומ:יס.
געמעלן און הילע — אי. פּלעשטשינסקי.
הויפּטליט № (42) 7699. טיראַזש 3000 עקז.
פּאַפּיר 100×68 סמ. 50 קגר. 320 ,ק/ין
בויגנ. 60 ט. ב. אין א פּאַפּיר-בויגנ. גע-
דרוקט אין פּאָליגראַפישער שול אויפֿן
קיעוו. אָפּגעגעבן אין זאַץ 5/V—1934. אונ-
טערגעשריבן צום דרוק 10/VI—1934.

א כאָוואָר אין שלאַכט

1

עליע קאָרזש איז געפאָרן צום קאָוועל קאָ־ וועז די פערד. אלע אין גאס האָבן אים נאָכ־ געקוקט, וואָרעם אלע קאָנען אים: ס׳איז דאָך עליק, יאָסל דעם קירזשנערס זינדל. ערשט צוריק מיט א יאָר אנדערהאלבן האָט ער פרי־ סירעט קירזשנערײַ און איז אוועקגעגאנגען אין דער רויטער ארמיי. איצטער זיצט עליע אין זאָטל, ווי א געבוירענער קאוואלעריסט, אזוי־ ווי ער זאָל פון קליינווײַז אוף גאָרניט ניט געווען טאָן, נאָר פאָרן רײַטנדיק יעדן טאָג.

ס'א מעכאיע אפ זיי צו קוקנ, אפ עליען אונ זײַנ פערד. ביידע זײַנענ זיי געזונטע, װוּק־סיקע, ברייטביינערדיקע.

דאָס פערד עליעס גלאנצט, קיינ שפּרענקע־לע װעט מענ אפ דעמ ניט־געפינענ. עליע װאשט אימ, רייניקט אימ אונ בערשטלט אימ יעדנ טאָג; ער צערטלט אימ אונ קעכלט אימ, װי א מאמע א קינד. עליע איז א דיסציפּלינירטער רויטארמייער, אונ ער געדענקט אונ פילט אויס דאָס, װאָס אימ האָט געזאָגט דער קאָמאנדיר גלײַכ נאָר װי ער איז ארײַנגעטראָטנ אינ דער ארמיי.

— געדענק, כאװער עליע,— האָט אימ געזאָגט דער קאָמאנדיר,— דאָס פערד, דאָס איז דײַנ כאװער אינ שלאכט. װעסטו אימ אָפּהיטנ, װאשנ, רייניקנ, האָדעװענ אונ פויענ צו דער צײַט, װעט ער זײַנ געזונט אונ דיר דינענ געטרײַ, װעט ער דיכ טראָגנ אפנ סוינע אונ װעט דיכ ארויסטראָגנ פונ יעדער געפאר. װעסטו אימ פארלאָזנ אונ ניט נאָכקוקנ נאָכ אימ, װעט ער זײַנ שװאכ אונ װעט אומקומענ אײנײנעמ מיט דיר. היט אָפּ, עליע, דאָס פערד, װי דאָס אויג אינ קאָפּ.



און עליע האָט דערנאָך ערשט געזען, אַז דער קאָמאַנדיר איז געווען גערעכט. דאָס פערד בײַ אַ קאַוואַלעריסט איז טאַקע אַ כאַווער אין שלאַכט. וויפל מאָל האָט אים זײַן גניאַדער געראַטעוועט דאָס לעבן, וויפל מאָל האָט ער אים ווי אַ וויכער אַוועקגעטראָגן פון אונטער ווײַסגוואַרדייִשע קוילן און שווערדן!

דאָס פערד אונטער עליען גייט ניט — עס טאַנצט. דעם קאָפּ פאַרבויגן שטאַרק אָפּ אַ זײַט, קלײַבט עס איבער מיט די פיס, ווי אַ טענצערין

אפ דער בינע. עליע זיצט פעסט אין זאָטל — ער און דאָס פערד, ווי פון איין שטיק געגאָסן. די גאנצע גאס קוקט זיי ביידע נאָך. יינגלעך, וואָס זיינען אלט צו דריי־צן־פערצן יאָר, זיינען אים שרעקלעך מקנא. עך, ווי ווערט מען דאָס שוין אלט זעכצן! ערשט פון זעכצן יאָר אָן נעמט מען צו אין רויטארמייִשע אָטריאדן.

ווען ניסל דער קאָוועל דערזעט פאר זיין קוזניע עליען מיט זיין פערד, איז ער ניט איבעריק שטארק צופרידן. קאָוועס עליעס גניאדן איז גאָרניט פון די גרינגע זאכן. מע דארף זיך פריִער גוט אָנעסן. עליע לאָזט אים אָבער לאנג ניט טראכטן. ער שפרינגט פלינק אראָפּ פונעם זאָטל, טוט א בינד ארום דאָס צוימל ארום א סלופּטשיק, וואָס שטייט באַם טויער, און לאָזט זיך אין קוזניע אריין.

— א גוט מאָרגן, ניסל.

— א גוט יאָר, עליע. וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס? — מאכט זיך ניסל קלוימערשט ער ווייסט ניט, נאָך וואָס איז מען צו אים געקומען.

— פיר פּידקאָוועס צוקלאפּן, ניסל, נאָר נייע און טשאקנדיקע. מע דארף באנאָכט פאָרן אָפּ

א שטיקל ארבעט.—די לעצטע ווערטער זאָגט ער ניסלען שטיל, קימאט ווי אפן אויער.

ניסל קלײַבט אָפּ גוטע פיר פידקאָוועס, נעמט דאָס קעסטל געצײַג, אביסל אכנאליעס און גייט ארויס מיט עליען אינײנעם אינדרויסן. ער גייט צו צום פערד, גלעט אים אביסל איבערן האלדז, דערנאָך איבער דער פּלייצע, דערנאָך איבערן היגטן. „שטיי, שטיי גניאדער", רעדט ער צו אים די גאנצע צײַט. אָבער ווען ער פּרוּווט זיך א נעם טאָן דעם פערדס הינטערשטע פוס, טוט אים יענער א שלײַדער אָפּ, און ניסל טוט א פלי אוועק אפּ עטלעכע שפאן.

— ברענט ער אפּ פײַער, דער גניאדער דײַנער,—זאָגט דעמאָלט ניסל צו עליען,—איכל בא אים די פוס ניט נעמען. וועסטו האלטן די פוס, וועל איך קאָווען, אניט דארף מען ניט.

עליען וועט דאָס פערד קיין קלאַפּ ניט טאָן. אָבער אויך בא אים רײַסט עס אלע ווײַלע די פוס, און ניסל דער קאָוועל באגיסט זיך מיט שווייס, ביז ער קאָוועט אָן די פיר פיס.

קיין געלט צאָלט עליע ניט, ער לאָזט איבער א צעטל.

„אָפּגעקאָוועט באַם קאָוועלן ניסל וואַלדמאַנ פיר נײַע פּידקאָוועס. רויטאַרמייער פונ באַזונ־דערנ אָטריאַד אַפּ קעמפּנ מיטנ באַנדיטיזם עליע קאָרזש“.

ניסל נעמט אַראָפּ דאָס היטל, לייגט אַהינ אַרײַנ דאָס צעטעלע אונ טוט זי אָנ ווידער־אַמאָל אַפּנ קאָפּ. נאָכ וואָרמעס וועט ער גייג אינ אָטריאַד אַרײַנ נעמענ אַפּנ צעטל געלט.

2

דרײַ געזאָטלטע פערד זײַנענ צענ אַזייגער אינאָוונט געשטאַנענ אינ הויפ פונעמ רויט־אַרמייִשנ אָטריאַד, צוגעבונדנ צו א שטאַכעטל פונעמ פּאַרקנ.

צופרידנ פונעמ נאָר־וואָס אופּגעגעסענעמ האָבער, האָבנ זיי אַלע דרײַ געפּאָרסקעט מיט די נעזער אונ געקלאַפּט מיט די שאַר־פע פּידקאָוועס די ערד אונטער זיכ. די באַ־לעבאַטימ פונ דידאָזיקע פערד — עליע קאָרזש אונ זײַנע צוויי כאַווײרימ, דמיטרי וואַסילענקאָ אונ טיכאָנ טשעריאָמוכע, זײַנענ איצט געזעסנ

אינ שטאב פונעמ אָטריאד אונ אויסגעהערט די לעצטע אינסטרוקציעס פונעמ קאָמאנדיר.

עס האָט זיכ גערעדט וועגנ זייער א וויכ־טיקער זאכ. ערשט ניט לאנג האָט דער רויט־ארמייִשער אָטריאד אפ קעמפנ מיטנ באנדי־טיזמ צעקלאפט אונ צעטריבנ די פעטליורישע באנדע, וואָס האָט געבאלעבאטעוועט אינ די ארומיקע דערפער אונ שטעטלעכ. אסאכ באנ־דיטנ האָט מענ געהארגעט אינ שלאכט, די אי־בעריקע האָט מענ אויסגעכאפט אונ ארייַנגע־זעצט אהינ ווו מע דארפ. אָבער דעם אָנפירער פונ דער באנדע, אָסטאפטשוקנ, האָט זיכ אייַנ־

געגעבן צו אנטלויפן. איצט האָט מע אין שטאַב פונעם אָטריאַד באַקומען אַ ידיעה, אַז ער באַהאַלט זיך אויס איינער אַליין אינעם דאָרף ווערעסי באַ איינעם אַ רײַכן באַלעגופֿ. עליע קאָרזש און זײַנע כאַווײרים האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרן ברענגען דעמדאָזיקן פֿויגל.

— איז געדענקט־זשע, כאַווײרים,— האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר — איך כאַזער איבער נאָכאַמאָל: די פֿערד לאָזט איבער אין אָנהייב דאָרף באַם אָרעמפֿויער פּאַוולאָ וואַרעניק; טשעריאָמוכע איז אַליין אַ ווערעסיער, ער ווייסט ווו פּאַוולאָ וווינט. דערנאָך לאָזט איר זיך שטיל, אָן טומל, צו דער כאַטע, ווו אָסטאַפּטשוק באַהאַלט זיך. פּאַוולאָ וועט אײַך אהין דורכפֿירן. מאַכט עס אַלץ שטיל, אָן ראַש און אָן טומל, און דעריקער געדענקט — אָן אָסטאַפּטשוקן צוריק ניט קומען. פֿאַרן קאָמאַנדיר איבער דער גרופּע באַשטים איך דעם כאַווער וואַסילענקאָ. נו, און איצט אין וועג אַרײַן!

דרײַען זײַנען זיי אַרויס אין הויף. אָפּגעבונדן די פֿערד, זיך פֿלינק אַרופֿגעכאַפּט אַף די זאָטלען און געלאָזט זיך אין וועג. צוערשט

איז מען געפֿאָרן מיט אַ בּרוקירטן שליאַך, דערנאָך פֿאַרקערעוועט אַף אַ זײַט, זיך אַראָפּ־געלאָזט באַרג־אַראָפּ צום טײַך, איבּערגעפֿאָרן איבּער דער קלאַדקע, זיך אופגעהויבּן ווידער־אַמאָל באַרג־אַרוף. דאָ פונויבּן האָבּן זיי פאַר־קערעוועט אין אַ וואַלד. מער האָט מען שוין אינגערגעצ ניט באַראַרפּט קערעוון. דערדאָזי־קער וועג האָט געפירט גלײַך קיין ווערעסי. אין וואַלד איז געווען שטיל, ס'האָט זיך נאָר פון מאָל צו מאָל געהערט דאָס קרעכצן פון הויכע סאָסנעס, וואָס ווערן געבויגן פון ווינט. נאָך אַן אַנדערהאַלבּן שאָ שנעלן פֿאָרן האָבּן אונדזערע רײַטער דערזען די ערשטע כאַטע פון ווערעסי.

דאָס דאָרף איז געשלאָפן, אָבּער פּאַוולאָ וואַרעניקן האָבּן די רויטאַרמײער געטראָפן אַ וואַכנדיקן. ער האָט שוין לאַנג אַף זיי אַרויס־געקוקט. די פערד האָט מען איבּערגעלאָזט בּאַ פּאַוולאָען אין הויף, און אַליין האָט מען זיך איינגעמען מיט אים געלאָזט צום צווייטן עק דאָרף, צו איוואַן קאַרפּענקאָ דעם בּאַלעגופּס כאַטע, ווו אָסטאַפּטשוק האָט זיך געפונען. אײַנ־

דרויסנ איז געווענ פינצטערלעכ. פונ צײַט צו צײַט האָט זיכ די לעוואָנע ארויסגעוויזנ פונ אונטער א כמארע, אָבער ניט אפ לאנג, זי פלעגט באלד אונטער א צווייטער כמארע פארשווינדנ.

א טריט פופציק פאר קארפּענקעס באטע זײַנענ אלע דרײַ געבליבנ שטײנ. די פענצטער פונ דער באטע האָבנ זיכ געלויכטנ, אונ ס'האָבנ זיכ געטראָגנ פונ דאָרטנ שיקערע קוילעס אונ געזאנגענ.

— מ'זיצט דאָרטן איצט א גאנצע קאָמ־פאניע — האָט זיך אָנגערופן וואסילענקאָ — מע דארף פריִער פאר אלץ א קוק טאָן דורכן פענצטער, וואָס טוט זיך דאָרטן. טשעריאָמוכע, כאַפּ זיך אראָפּ, נאָר פאָרזיכטיק.

טשעריאָמוכע האָט זיך שטיל גענומען גאנ־ווענען הארט בא די פלויטן. אין א מינוט פינף ארום האָט ער זיך אומגעקערט צו־ריק.

— אָהאָ, מע זיצט דאָרטן א גאנצע כאָפּטע, א מאן צען אוואדע, מע זויפט און מע טרינקט, און ביקסן עטלעכע האָב איך אויך געזען שטיין אין ווינקל. אָסטאַפּטשוק קלײַבט, ווײַזט אויס, ווידעראמאָל צונויף א באנדע.

— איז וואָס טוט מען, כאווײרים? — האָט שעפּטשענדיק געזאָגט וואסילענקאָ. — מע וואָלט זיי באדארפט אלעמען פארנעמען, אָבער מיר אינפירן וועלן מיט זיי דאָך גאָרניט מאכן.

און ס'איז געבליבן, אז מע מוז צופאָרן אין שטאָט אריַין ברענגען נאָך עטלעכע מענטשן. פאָרן וועט עליק, וואָרעם זײַן פערד איז דאָס געזונטסטע און פלינקסטע. אין א שאָ ארום

וועט ער זײַן אין שטאָט. אין צוויי שאָ ארום וועט ער זיך אומקערן מיט נאָך כאוויירים צו־ריק. ביז דעמאָלט וועט דער אוילעם פון דער כאטע מיסטאָמע נאָך ניט אוועק,— מע האלט דאָך ערשט אין רעכטן שיקערן. און יעדנפאלס בלײַבן דאָ אפ דער וואך וואסילענקאָ און טשעריאָמוכע. ביקסן אָנגעלאָדענע האָבן זיי און רעוואָלווערן אויך. טאָמער וועט מען זיך לאָזן גיין פון דער כאטע, איז וויפל זיי וועלן נאָר קאָנען, וועלן זיי אויסלייגן.

פאוולאָ האָט געגומען כּירן עליען צו זיך אין הויף ארײַן. איצט זײַנען זיי געגאנגען גיך, קימאט ווי געלאָפן. געקומען צו פאוולאָען אפן הויף, האָט עליע שנעל אָפּגעבונדן זײַן גניאדן, זיך ארופגעכאפט אפן זאָטל און ווי א וויכער זיך געלאָזט פאָרויס.

— שנעלער, שנעלער, גניאדער — האָט ער גערעדט צום פערד זײַנעם,— שנעלער, ברוי־דערקע — און אים בלויז לײַכט געקיצלט מיט די עקן שפּאָרן. פארן גניאדן איז דאָס געווען גענוג. ווי א ווינט אין פרײַען פעלד, אזוי שנעל האָט ער זיך געטראָגן. צווײַגן פין בא דער זײַט

-וועג שטייענדיקע, יונגע דעמבלעכ און בערע־
זעס האָבן פון מאָל צו מאָל געשמיסן עליען
איבערן פּאָנעם, געריסן פון אים דאָס היטל.

אָט איז שוין עק וואלד. איצט דארף מען
נאָכ אָפּפאָרן א שטיק וועג מיטן פעלד, דער־
נאָכ זיכ אראָפּלאָזן באַרג־אראָפּ צום טײַכ,
איבערפאָרן די קלאדקע, זיכ אויפהייבן באַרג־
ארויף און פונדאָרטן מיטן שליאכ גלײַכ אין
קאזארמע.

עליע האָט זיכ שוין געטראָגן מיטן פעלד.
פונדערווײַטנס האָט ער שוין אָנגעזען דעם
צווייטן ברעג פון טײַכ, די הײַזער, וואָס שטייען
דאָרט אנקעגן אפן באַרג. און פלוצים האָט
מיט אים געטראָפן עפּעס אומגעווײנלעכס:
ס׳איז אים מיטאמאָל פינצטער געוואָרן אין די
אויגן. אָט נאָר־וואָס האָט ער געזען יענעם
ברעג, די הײַזער דאָרטן, דעם וועג פאר זיכ,
די לעוואָנע אפן הימל, און איצטער זעט ער
גאָרניט, ניט דעם ברעג, ניט דעם וועג, אפילע
דעם פערדס קאָפּ, דעם אייגענעם שינעל זעט ער
ניט. ווו ער טוט ניט א קוק, איז פינצטערניש,
הוילע געדיכטע פינצטערניש.

[illegible] עליע האָט אַפּ אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דאָס פערד, גענומען רײַבן די אויגן מיט די קולע־קעס, געסטאַרעט זיך וואָס בּרייטער זיי צעעפענען, די אויגן, עפּשער וועט ער פאָרט דערזען — ס'העלפט ניט גאָרניט.

און מיטאמאָל איז עליען קלאָר געוואָרן, וואָס מיט אים טוט זיך: ס'איז הינערפלעט. ייִנגלווײַז האָט ער געקרענקט אַפּ דערדאָזיקער קרענק. בּאַנאַכט, ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער, פלעג ער אופהערן זען. אפילע אין שטוב בּאַ דער לאָמפּ האָט ער גאָרניט ניט געזען. די שײַן פון דער לאָמפּ פלעג אים נאָר עטוואָס מערעשטשען אין די אויגן. ער האָט זיך דעמאָלט שנעל פון דערדאָזיקער קרענק אויסגעהײלט און האָט שוין לאַנג אין דער גאַנצער מײַסע פאַרגעסן. איז נאָ דיר, איצטער דאַרף זיך עס מיט אים טרעפן אָט־דאָ אין־מיטן פעלד.

עליע איז געבּליבּן אַ צעטומלטער. וואָס טוט מען? מע דאַרף דאָך פאָרן ווײַטער. אָבּער גיי פאָר, אַז דו זעסט ניט גאָרניט, בּיסט ווי אַ בּלינדער. און דאָ שטייט נאָך פאָר דאָס

שווערסטע שטיקל וועג. מע דאַרף אַראָפּלאָזן זיך באַרג־אַראָפּ צום טײַך, איבערפּאָרן די קלאַדקע, אופהייבן זיך ווידעראַמאָל באַרג־אַרופּ. איין פאַלשער טראָט—און דו ברעכסט דעם קאָפּ אינאיינעם מיטן פערד. וואָס דען טאָן? בלײַבן דאָ אין פעלד ביז ס'וועט אָנהייבן טאָגן? נו, און טשעריאָמוכע און וואַסילענקאָ, וואָס וואַרטן דאָרט אַף אים און אַף נאָך כאַווײרים? לאָזן זיי דאָרטן אַליין אַנקעגן צען באַנדיטן?

און עליע האָט באַשלאָסן, ער וועט זיך פאַר־לאָזן אַף זײַן פערד, אַף זײַן קלוגן גניאַדן. וויפל מאָל האָט ער דורכגעמאַכט מיט אים דעמדאָזיקן וועג! ניט שוין־זשע וועט ער איצ־טער ניט טרעפן פונדאַנען אײנער אַליין אַהיים? ניט שוין־זשע וועט ער אַראָפּ פון דער ריכטיקער סטעזשקע? ער וועט אים אָפּלאָזן דאָס צוימל, זאָל ער גיין אַליין, ווו אים גע־פעלט.

עליע האָט אָנגעטאַפּט באַם פערד אַפן האַלדז דאָס צוימל און עס אַ צי געטאָן.

— נו, געגאַנגען, גניאַדער. אַהיים, אַהיים, ברודערקע!

דאָס צוימל האָט ער שוינ דערנאָכ געהאלטנ אינ דער האנט גלאט אזוי, פונ געוווינשאפט וועגנ, ווי צו קערעווענ האָט ער בעמילע ניט געזענ.

אונ דער גניאדער איז געגאנגענ. פאמעלעכנ אונ פאָרזיכטיק האָט ער זיכ אראָפגעלאָזט

באַרג־אַראָפּ. יעדער רעגע האָט זיך דעמאָלט עליען געצויגן, ווי א יאָר.

אָט זײַנען זיי שוין אונטן באַם באַרג. א פרישער רייעך פון טײַך־וואַסער האָט א זעץ געטאָן עליען אין נאָז אַרײַן. עס איז אים ווי א שטיין אַראָפּ פון האַרצן: איבערגעקומען דעם באַרג־אַראָפּ, איצט נאָך דאָס בריקל, דאָס בריקל... ווער דער גניאַדער טרעפן דעם וועג אַהין?..

און ווי ענטפערנדיק אויף די געדאַנקען עליעס, איז דאָס פערד זײַנס פּלוצים געבליבן אויף א רעגע שטיין. „אַפּאָנעם, פּאַרפּאַלן" — האָט עליע דעמאָלט באַ זיך באַשטימט, און וועגן פערד האָט ער געקלערט: „ער ווייסט ניט דעם וועג. א פערד בלײַבט א פערד".

אָבער שפּעטער א ווײַלע, ווען דער גניאַדער האָט זיך נאָכאַמאָל געלאָזט אין וועג, און די פּידקאָוועס זײַנע האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן איבער די ברעטער פונעם בריקל, איז עליע גרייט געווען אים צו קושן און האַלדזן, און ס'איז אים א גרויסער ביזויען געווען פאַר די געדאַנקען, וואָס ער האָט נאָר־וואָס וועגן אים געטראַכט.

— אהיים, טײַערער, אהיים, גניאדער, — האָט עליע געהאלטן אין איין רעדן צו אים. ער האָט נאָך אלץ געפּרוווט פארמאכן די אויגן, עפּעס די אויגן, עפּשער וועט ער פאַרט דערזען. גאָר־ניט האָט זיך דערפון ניט באקומען.

דער פערד האָט זיך פאמעלעכן געהויבן באַרג־ארוף, און ווידעראמאָל האָבן זיך די רעגעס געצויגן, ווי יאָרן.

און פלוצים האָט עליע דערפילט, אז שוין, דער באַרג־ארוף האָט זיך געענדיקט, דאָס פערד גייט שוין אפּ א גלײַכן וועג. אינגיכן האָבן זײַנע פּידקאָוועס אָנגעהויבן קלאפּן אין די שטיינער פונעם ברוקירטן שליאך.

דאָ האָט שוין עליע פאר גאָרניט קיין מוירע ניט. פונדאנען קאָן ער טרעפן צו זיך אין קאַ־זארמע אפילע מיט פארבונדענע אויגן. דעם הויפּ זייערן וועט שוין דער גניאדער געוויס דערקענען. מיט א זיכערער האנט האָט ער א צי געטאָן דאָס צוימל, א קיצל געטאָן דעם פערד מיט די עקן שפּאָרן און געלאָזט זיך אין גאלאָפּ. ער מוז אָניאָגן די פארלוירענע צײַט. די כאווײרים דאָרטן וואַרטן.

אינ א מינוט פופצנ ארומ איז עליע געווענ באמ קאָמאנדיר אינ צימער אונ דערציילט אימ אלצ, וואָס ס'איז געשענ. א מאנ צוואנציק רויט־ארמייער האָבנ טייקעפ געזאָטלט זייערע פערד אונ געלאָזט זיכ קיינ ווערעסי. אָסטאַפּטשוקנ מיט זיינ בייער באנדע האָט מענ געכאפט אונ געבונדענע געבראכט אינ שטאָט אריינ.

עליענ די הינערפלעט איז גיכ איבערגעגאנ. דער דאָקטער פונעמ אָטריאד האָט אימ געגעבנ דערצו א גוט היילמיטל. דעמ גניאדנ זיינעמ האָט ער פונ דעמאָלט אָנ נאָכ מערער ליב. אנ עמעסער כאווער אינ שלאכט!



אויפֿ די רעוואָליוציע פּאָדערט

(לויט סקאַליטש־דניעפּראָווסקי)

דער 248־טער רויטארמייִשער פּאָלק איז אָפּגעטראָטנ. העכער א וואָכ האָט ער זיכ געשלאָגנ אינ ווײַטנ עק סיביר מיט א גאנצער קאָלטשאקישער דיוויזיע. נאָר מער האלטנ זיכ האָט מענ שוינ ניט געקאָנט. פונ די טויזנט רויטאַרמייער, וואָס דער פּאָלק האָט געהאט, זײַנענ איצט געשטאנענ אונטערנ ביקס סאכ־אקל 150. פּאטראָנעס איז געבליבנ ווייניק. וואָס צו עסנ איז שוינ אויכ ניט געווענ. אונ דאָ קומט אָנ ווינטער, פרעסט ווערנ פונ טאָג

צו טאָג שטארקער און שטארקער. סיבירער פרעסט, וואָס נעמען דורך אלע ביינער און טמאלען, ווי פייער.

ניט ווייט, הינטערן דאָרף נעטשײַעוואָ, געפינט זיך נאָך א רויטארמייִשער פאָלק. דער קאָמאנדיר האָט עס געוווּסט אפ זיכער, און אהינצו אפ צו פארייניקן זיך מיט יענעם פאָלק האָט ער איצט געפירט זײַן מאכנע. א מידע און א אויסגעמאטערטע, האָט זיך די מאכנע געגאנוועט דורך וועלדער און זײַטיקע וועגן צו נעטשײַעוואָ. פונפאָרנט איז געגאנגען גאַנעשין דער קאָמאנדיר, הינטן אין עק פון דער מאכנע זײַנען אפ צוויי טאטשאנקעס געפאָרן ניקיטע סערגייעווקאָ און וואסיע טשיסטיאקאָוו — צוויי פוליעמיאָטשיקעס.

אפ טשיסטיאקאָוון זאָגן די רויטארמייער, אז ער האָט א פאָר גילדענע הענט. און טאָקע אזוי: ווי א פידל אין די הענט פון א גוטן פידלשפּילער, אזוי איז דער קוילנוואָרפער בא וואסיען אין די הענט. וואָס ער וויל, דאָס קאָן ער מיט אים מאכן. ס׳האָבן זיך אָפּטמאָל געמאכט שלאכטן, ווען ס׳האָט זיך אויסגעוויזן,

אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן, אָט־אָט זיגן די ווײַסע. אָבער ווי נאָר ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט טשיסטיאַקאָוו מיט זײַן קוילנוואַרפֿער, אַזוי פֿלעגן די רייען פֿון די ווײַסע ווערן שיטערער און שיטערער. און די רויטאַרמייער, דערפֿרייטע און דערמונטערטע, פֿלעגן מיט באַנײַטער קראַפֿט זיך וואַרפֿן אויפֿן סוינע.

ס׳איז שוין געווען גוט פֿינצטער, ווען מ׳האָט פֿונדערווײַטנס אויפֿן באַרג דערזען די הײַזער פֿון נעטשײַעוואָ.

— שטיי! — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ באַפֿעל.

ווען אַלע זײַנען געבליבן שטיין, און ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט זיך ווידעראַמאָל געלאָזט הערן דעם קאָמאַנדירס שטים:

— כאַווייִרים רויטאַרמייער! מיר שטייען בײַ נעטשײַעוואָ. צו אונדזערע איז נאָך אַ ווערסט פֿופֿצן. אין נעטשײַעוואָ וועלן מיר רוען דרײַ שעה. דרײַ שעה — און אַ רעגע ניט מער. דער סוינע געפֿינט זיך דאָ ערגעץ ניט ווײַט, און מע קאָן יעדער רעגע אויף אונדז אָנפֿאַלן. וואַרעמט זיך גוט אָן, עסט אָפּ, כאַפּט אַ דרעמל. דער ער-

שטער ראָטע באפעל איכ בלײַבנ אפ דער וואכ, היטנ דעמ ארײַנגאנג אינ דאָרפ. פונ די פוליע־מיאָטשיקעס בלײַבט אפ דער וואכ ניקיטע סערגײיענקאָ. פארשטאנענ אלצ? אינ וועג ארײַנ!

צוערשט האָט דאָס דאָרפ ניט איבעריק פרײלעכ אופגענומענ דעמ פאָלק. הײַזער זײַנענ

געשטאַנען שטומע און פֿינצטערע. קיין שאָרך אינערגעץ, קיין איין ליכטיקער פֿענצטער. טירן זײַנען אומעטום געווען גוט פֿאַרשפּאַרט און פֿאַריגלט...

די מאַכנע האָט זיך צעשאָטן איבערן דאָרף, און אין צענדליקער טירן, לאָדנס פֿון פֿענצטער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּערײַ:

— עפֿנט אויף! אייגענע, רויטאַרמייער.

וואַסיע טשיסטיאַקאָוו האָט אויסגעטאָן זײַן שינעל, אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט די לאַנגע אויערן און זיך געזעצט באַם אויוון זיך אָנוואַרעמען. די שפּיץ פֿינגער זײַנען שוין אָפּ־געגאַנגען פֿון פֿראָסט, די קעלט איז ביסלעכווײַז אַרויס פֿון די גלידער, און אַ מעכטיקע וואַרעמקײַט האָט אַרומגענומען דאָס לײַב. די באַלעבאָסטע פֿונעם הויז האָט אים דערלאַנגט צום טיש אַ ביסל יושקע, וואָס איז געבליבן פֿון וואַרמעס, און אַ שיסל לאַטקעס מיט סמעטענע.

— מײַנע צוויי זין, — האָט זי אים דערבײַ געזאָגט, — דינען אויך אין דער רויטער אַרמיי, און ווער ווייסט, כאַווער, ס'קאָן זײַן, אַז דײַן מאַמע גיט זיי איצט אויך וועטשערע עסן.

נאָך וועטשערע איז וואַסיע אַרויף אַפֿן אויוון, אונטערגעלייגט זיך צוקאָפּנס דעם שי־נעל מיטן היטל און איז אַנשלאָפֿן געוואָרן. כאָלעמט זיך אים דערבײַ אַ כאָלעם:

ער איז בײַ זיך אינדערהיים. ס׳איז גאַנצפֿרי. די מאַמע האָט נאָר־וואָס אויסגעמאָלקן די קו און דערלאַנגט אים אָנבײַסן. און דאָ גייט אַרײַן דער טאַטע און טוט אים אַ פּאַטש אין פּלייצע:

— גיכער אַביסל, וואַסיע! צײַט שפּאַנען דאָס פֿערד און פֿאָרן אין פֿעלד אַרײַן.

און פּלוצים דערפֿילט וואַסיע פֿון שלאָף, ווי עמעצער טאָרעט אים און וועקט אים.

— וואַסיע! טשיסטיאַקאָוו! שטיי אויף! אַ באַפֿעל פֿונעם קאָמאַנדיר. מוזט גיין צום קוילנ־וואַרפֿער. סערגייענקען האָט מען פֿאַרוווּנדעט.

שנעל ווי אַ וויכער איז טשיסטיאַקאָוו אַראָפּ פֿונעם אויוון. ער האָט אַרופֿגעכאַפּט אויף זיך דעם שינעל מיטן היטל און איז אַוועק צו זײַן פּאָסטן, צו דעם אָרט, פֿונוואַנען ס׳האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ. די ווײַסגוואַרדייִשע קאָ־לאָנעס האָבן שוין געשטעלט די ערשטע טריט באַרג־אַרויף צו נעטשײַעווקע.

אין איינער א שטוב, וואָס אין עק דאָרף, איז געזעסן דער שטאב פונעם פּאָלק. מע האָט באדארפט שנעל באשטימען וואָס צו טאָן.

— אָנעמען די שלאכט קאָנען מיר ניט בע־שומויפן,—האָט געזאָגט דער קאָמאנדיר.— דעע סוינע איז פילצאָליקער און שטארקער פון אונדז. וואָלטן מיר נאָר געהאט קוילן, קאָנען מיר זיך נאָך האלטן און האלטן, ווייל מיר זיינען פונויבן און זיי פונונטן. אָבער קיין קוילן האָבן מיר ניט. בלויז צען סטענגעס פּאטראָנעס זיינען אונדז געבליבן. און דעריבער לייג איך פאָר: דער פּאָלק טרעט אָפּ, מיר כאפּן זיך אריבער אין גאָענטסטן וועלדל און גייען זיך וויטער אונדזער וועג. אפּ אָפּהאלטן די ווייסע, ביזוואנען מיר וועלן זיך באהאלטן אין וואלד, לאָזן מיר איבער פונויבן אפן בארג באם אריינגאנג אין דאָרף וואסיע טשיסטיאקאָוון מיט זיין קוילנווארפער. פון די צען סטענגעס פּאטראָנעס, וואָס מיר האָבן, לאָזן מיר אים ניין. וואסיע וועט זיך ספּראווען.

ס'האָט אלעמען פארקלעמט באם הארצן: ס'איז דאָך קימאט א זיכערער טויט!

וואסיע! וואסיע טשיסטיאקאָוו, וואָס אלע האָבּן אים אזוי ליבּ...
אָבּער קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ. זאָל טשיסטיאקאָוו ניט בּלייַבּן מיט זייַן קוילנוואר־פער, מוז אומקומען דער גאנצער פּאָלק.
און אזוי איז בּאשלאָסן געוואָרן.
פּיאָטער גאנעשין, דער קאָמאנדיר פון פּאָלק, האָט גענומען די נייַע סטענגעס פּאטראָנעס און האָט זיך געלאָזט צו דער פעדערשטער וואכ־ליניע. טשיסטיאקאָוון האָט ער שוין געטראָפן בּאַם קוילנווארפער.
— הער אויס, טשיסטיאקאָוו, — האָט ער זיך צו אים געווענדעט, — דער פּאָלק טרעט אָפּ, און דו מוזט דאָ בּלייַבּן אָפּהאלטן דעם סוינע, ווי ווייַט דו וועסט נאָר קאָנען. אזוי פּאָדערט די רעוואָליוציע!
טשיסטיאקאָוו האָט א ווייַלע געשוויגן, דער־נאָך האָט ער געזאָגט:
— אויבּ די רעוואָליוציע פּאָדערט, כּאווער קאָמאנדיר, איז...
זיי האָבּן זיך בּייד̇ע ארומגענומען און שטארק, שטארק זיך צעקושט.

— זײַ געזונט, טשיסטיאקאָוו, טאָמער טרעפט עפּעס מיט דיר, וועלן מיר זיי גוט באַצאָלן.

— זײַ געזונט, כאַוועד קאָמאַנדיר!

דער פּאָלק האָט אָפּגעטראָטן. צוביסלעכוויַיז איז אויך די וואַך אוועק פון דער פראָנט־ליניע. געבליבן איז דאָרט פונויבן, באַם אַרײַנגאַנג אין דאָרף, בלויז וואַסיע טשיסטיאַקאָוו מיט זײַן קוילנוואַרפער.

קוילן האָט ער געהאַט ווייניק — סאַכאַקל נײַן סטענגעס, און געשאָסן האָט ער דעריבער בלויז דעמאָלט, ווען אפן באַרג פלעגט זיך באַווײַזן דער סוינע.

יעדער שטעפּ פון זײַן קוילנוואַרפער האָט געריסן שטיקער אינעם סוינעס רייען. זײַן קויל האָט שטענדיק דערגרייכט אהין, וווּ נאָר דעם סוינעס א גרופּע האָט זיך באַווײַזן.

אונטן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ניט קיין מענטש זיצט דאָרטן פונויבן באַם קוילנוואַרפער, נאָר עפּעס א רוב.

און שטעפּנדיק אַזוי מיטן קוילנוואַרפער, האָט טשיסטיאַקאָוו גערעדט צו זיך אַליין:

— דאָס איז אײַך, װײַסע הינט, פּריצים און גענעראַלן, פֿאַר מײַנע צװײ בּרידער, װאָס איר האָט זײ געהאַרגעט. און דאָס איז פֿאַר מײַנע כאַװײרים רױטאַרמײער, װאָס איר האָט געפּײַניקט און געהאַרגעט. און דאָס איז אײַך אַ מאַטאָנע פֿון אַלע אַרבּעטער און פּױערים, װאָס איר װילט זיך זײ נאָכאַמאָל זעצן אױפֿן קאַרק.

א מאנ פופצנ קאוואלעריסטנ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ בארג־ארופ. טשיסטיאקאָוו האָט זיי באגעגנט מיט א פרישנ געשטעפ פונ זײַנ קוילנ־ווארפער. עטלעכע זײַנענ ארונטערגעפאלנ פונ די פערד, די איבעריקע האָבנ כייקעפ פארקערע־וועט צוריק.

א צעווילדעוועט פערד אָן א ריַיטער איז דורכגעפלויגן פארביַי טשיסטיאקאָוון און איז פארפאלן געוואָרן ערגעץ אין דער פינצטער־ניש.

און שוין.

פונוגטן האָט זיך איצט קיינער ניט געריירט.

אפּן בארג האָט מער קיינער ניט געפּרוווט קריכן.

טשיסטיאקאָוו האָט אָפּגעשלעפּט דעם קוילן־וואַרפער אין א זייַט און אים באהאלטן אין די קושטשעס.

דעם שלאָס האָט ער ארויסגענומען און מיט־גענומען מיט זיך. אויב די וויַיסע וועלן אפילע געפינען דעם קוילנוואַרפער, וועלן זיי מיט אים אויך גאָרניט מאכן.

און איצטער קאָן מען שוין גיין. ער האָט געוווּסט מיט וואָסער וועלדל זייַן פּאָלק איז אוועק. צום דאָזיקן וועלדל האָט ער זיך איצט געלאָזט.

ערשט דאָ אין וואלד, נאָך א צוויי שאָ גיין, האָט ער דערפילט, ווי מיד ער איז פון אלץ, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן. אן אויסגע־

מאטערטער ביז לעצט, האָט ער זיך אַרײַנ־געוואָרפֿן אין די קוסטשעס און איז אַנשלאָפֿן געוואָרן.

אַף מאָרגן האָט זיך דער 248־טער פּאָלק אײנײנעם מיטן 14־טן פּאָלק אומגעקערט צוריק אין נעטשײַעוואַ. אין וואלד האָבן זײ געטראָפֿן טשיסטיאַקאָוון.

אין צוויי וואָכן אַרום איז דער 248־טער פּאָלק געווען אויסגעשטעלט אַף אַ גרויסן פּלאַץ. דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק, פּיאָטער גאַנעשין, האָט געלײענט פֿאַר אַלע קאָמאַנדירן און רויטאַרמײער פֿאָלגנדיקן באַשלוס פֿון רעוואָליוציאָנערן מיליטערישן ראַט:

— „דער רויטאַרמײער פֿון 248־טן פּאָלק, וואַסילי טשיסטיאַקאָוו, האָט דעם 13־טן נאָיאַבער 1919 יאָר אײנער אַלײן מיט זײַן קוילנוואַרפֿער אָפּגעהאַלטן אַ ווײַסגוואַרדײַישע מאַכנע פֿון 500 מענטשן. דערמיט האָט ער אָפּגעראַטעוועט דעם גאַנצן פּאָלק. דערמיט האָט ער אַרויסגעוויזן די העכסטע העלדישקײַט און

בּעסטע געטרײַשאַפט דער רעוואָליוציע. דער רעוואָליוציאָנערער מיליטערישער ראַט האָט באַשטימט צו באַלוינען דעם רויטאַרמייער טשיסטיאַקאָוון מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאַן".

פּיאָטער גאַנעשין און וואַסיע טשיסטיאַקאָוו האָבּן זיך ווידעראַמאָל אַרומגענומען און זיך צעקושט. הינטער זיי[illegible] פלייצעס האָבּן זיך געהערט דונערדיקע הורא־געשרייען פונעם גאַנצן פאָלק.

אינדערלופטן

(לויס א. פאטיאק)



מיר זײַנען געזעסנ בא א טיש אינ אײנעמ א זײַטיקנ צימער פונ א רויטארמײִשנ קלובּ. אלע זײַנען מיר געווענ אלטע אָנטײלנעמער פונעמ בירגערקריג. ווער ס׳איז געווענ אפנ פוילישנ פראָנט, ווער ס׳האָט זיכ געשלאָגנ מיט דעניקינענ אונ ווער מיטנ גענעראל ווראנגעל. דעמ אָוונט האָבּנ מיר פארבראכט זײער אינטערעסאנט. יעדער אײנער פונ אונדז האָט דערציילט א געשיכטע פונעמ העלדישנ קאמפ פונ דער רויטער ארמײ. ווענ אײנער א כאוועד

האָט געענדיקט דערציילן וועגן אַן אָטריאַד בודיאָנאָווצעס פון 200 מענטשן, וואָס האָט צעקלאַפּט און פאַרטריבן אַ גאַנצן פּוילישן פּאָלק, האָט זיך אויפגעהויבן אַ לופטפליִער, וואָס איז אויך געזעסן מיט אונדז בײַם טיש, און האָט געלאָזן אַ זאָג געטאָן:

— וועט איר עפּשער מיר דערלויבן עפּעס דערציילן, כאַווײרים?

— ביטע, ביטע, — האָט מען זיך אָנגערופן פון אַלע זײַטן.

דער לופטפליִער האָט פּאַמעלעכן אַרויסגענומען פונעם פּאָרטסיגאַר אַ פּאַפּיראָס, אים פאַרויכערט, זיך פאַרצויגן מיט רויך און אָנגעהויבן דערציילן:

— געוועזן איז דאָס אַפן פראָנט, אין איינעם פון אונדזערע אוויִאַ־אָטריאַדן. אין דעמדאָזיקן אָטריאַד האָט געדינט אַלס לופטפליִער מײַנער אַ באַקאַנטער, אַלעקסאַנדער גליעבאָוו. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס מיט זײַן אַעראָ־פּלאַן האָט זיך קיינמאָל קיין שום אומגליק ניט געטראָפן. רופט מען איינמאָל גליעבאָוון אַרויס אין שטאַב אַרײַן. מע גיט אים אַ פּאַקעט, וואָס

איז פֿאַרשטעמפּלט מיט עטלעכע שטעמפּלען און פֿאַרגאָסן מיט טריוואַקס, און מע זאָגט אים:

— כּי גליעבאָוו, דערדאָזיקער פּאַקעט דאַרף הײַנט זײַן אין שטאַב פֿון דער אַרמיי, און הײַנט גאָר דאַרף מען פֿון דאָרטן ברענגען אַן ענט־פֿער. דער שטאַב געפֿינט זיך אַנדערע 250 קי־לאָמעטער פֿונדאַנען. איצט איז 6 אַזייגער. אין צוויי שאָ־אַרום, 8 אַזייגער, הייסט־עס, ווערט איר אַרויספֿליִען. ניט שפּעטער פֿון צוויי באַטאָג דאַרפֿט איר זײַן מיטן ענטפֿער דאָ.

גליעבאָוו איז אַוועק און גענומען גרייטן זיך צום אַרויספֿליִען. זײַן מעכאַניקער, איוואַן מעכאַנאָשין, האָט באַטראַכט דעם עראָפּלאַן, ווי מע זאָגט עס, פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס, יעדער שרײַפֿעלע, יעדער פּרוזשינקעלע איבער־געקוקט און דורכגעטאַפּט. אַלץ איז אין אָרדע־נונג. די קאָמאַנדע — צוויי מאָטאָריסטן און דער מעכאַניקער — האָבן פֿאַרנומען זייערע ערטער. גליעבאָוו איז אַרײַן צו זיך אין קאַבינע. דער עראָפּלאַן האָט זיך צעיאָגט איבערן גלאַטן פֿעלד און דערנאָך לײַכט זיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד.



מע פליט אזוי א שאָ צוויי. אלצ איז אינ אָרדענונג. אונ פלוצימ האָט גליעבאָוו אָנגעהויבנ עפּעס שרײַענ צומ מעכאניקער. וואָס ער שרײַט, הערט מענ ניט איבערנ רויש פונעמ מאָטאָר. אָבער אינ זײַנ פּאָנעמ אונ אינ זײַנע באוועגונגענ זעט מענ, אז עפּעס באומרויִקט אימ, עפּעס האָט זיכ געטראָפנ. דער מעכאניקער האָט צוערשט ניט פארשטאנענ, וואָס וויל גליעבאָוו פונ אימ האָבנ. דער מאָטאָר ארבעט גוט, אָנ איבערשלאָגנ. ער האָט זיכ ארומגעקוקט אינ אלע זײַטנ אונ האָט פלוצימ דערזענ:

א שרויפ אינ דער פעדערשטער טייל פונעמ עראָפּלאנ האָט זיכ פרײַ געטרייסלט אונ זיכ

געפּרוקט פונעמ אָרט. אפּאָנעמ, אַז די מוטערקע באַ דעמדאָזיקנ שרויפּ האָט זיכ אַביסל אָפּגעדרייט. אויב דער שרויפּ וועט אינגאַנצנ אַרויס פונ זײַנ אָרט, טרעפט ער אינ פּראָפּעלער אַרײַנ, אונ דער פּראָפּעלער ווערט צעבראָכנ. אונ ס'קומענ אומ אַלע: די מענטשנ, דער אַעראָפּלאַנ אונ דער וויכטיקער פּאַקעט, וואָס מוז אינ צוויי שאָ אַרומ זײַנ אינ שטאַב פונ דער אַרמיי. מעכאַנאָשינ געדענקט זייער גוט, אַז ער האָט דעמדאָזיקנ שרויפּ באַטראַכט פאַרנ אַרויספליִענ. ער איז דעמאָלט געזעסנ גאַנצ פעסט אַפּ זײַנ אָרט. אַפּאָנעמ, אַז אינ וועג האָט עס אימ צעטרייסלט.

וואָס טוט מענ? פאַרדרייענ דעמ שרויפּ פונ אינעווייניק קאָנ מענ ניט. די מוטערקע געפינט זיכ פונ יענער זײַט, אינדרויסנ. מע וואָלט זיכ באַדאַרפט אַראָפּזעצנ אַפּ דער ערד אונ דאָרטנ אַלצ צורעכט מאַכנ. ס'דאָכ א קלייניקײַט. אָבער אונטערנ אַעראָפּלאַנ שפּרייט זיכ א געדיכטער אונ גרויסער וואַלד. ווו וועסטו זיכ דאָ זעצנ? אונ דער שרויפּ רוקט זיכ צוביסלעכ אונ רוקט זיכ.

אלע אין עראָפּלאַן קוקן אויפן מעכאַניקער. ווער ווייסט בעסער פון אים דעם מעכאַניזם? ער קאָן, ער דאַרף ראַטעווען!

און מעכאַנאָשין האָט באַשלאָסן. יאָ, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מע קאָן טאָן. ער האָט מיט אַ ווונק געוויזן דעם לופטפליִער גליִע־באַוון, וואָס ער מיינט. יענער האָט אים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן אויף יאָ. דעמאָלט האָט מעכאַנאָשין מיט הוירעוודיקע טריט זיך געלאָזט צום טירל פונעם עראָפּלאַן און עס געעפנט, אַרייַנגעבויגן דעם קאָפּ, אויסגעבויגן דעם גאַנצן קערפּער און זיך געלאָזט קריכן אויפן פליגל פונעם עראָפּלאַן.

זייַן פּלאַן איז געווען זייער אַ פּאָשעטער. מע דאַרף צוקריכן איבערן פליגל ביז צו יענעם אָרט, וווּ דער שרויף שטעקט, און דאָרט פאַר־דרייען פעסט די מוטערקע. אָט דאָס איינגאַנצן.

אַ שטאַרקער שטראָם לופט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דרייסטן מעכאַניקער. דער ווינט פונעם פּראָפּעלער האָט אים געשטויסן, געצערע־וועט, און ער, דער מעכאַניקער, האָט זיך פאַמעלעך גערוקט פאָרויס מיטן גאַנצן קערפּער,


СССР

מיט אלע קויכעס האָט ער זיך אײַנגעקלאמערט אינעם פליגל פונעם אעראָפּלאַן. ער האָט געקעמפט פאר זײַן לעבן, פאר'ן לעבן פון זײַנע כאווײרים, פאר'ן פאקעט, וואָס דארף אין צוויי שאָ ארום זײַן אין שטאב פון ארמײ. ווער ווייסט, וויפל לעבנס ס'הענגען אָפּ פון דאָזיקן פּאקעט!

מיט צעבלוטיקטע, צעקאליעטשעטע פינגער האָט ער זיך דערקליבן ביז צו דעם שרויף און האָט אים פאַרדרייט.

שוין. דער אעראָפּלאַן איז אויסער געפאַר. דאָס לעבן פון זײַנע כאַווירים, דער פּאַקעט איז געראַטעוועט. נו, און זײַן אייגן לעבן?... זײַן אייגן לעבן הענגט איצט אָפּ דערפון, צי וועט ער קאָנען זיך אופהאַלטן אויפן פליגל נאָך עטלעכע מינוט, צי וועט אים קלעקן קויכעס אָפּ צוקריכן צוריק.

און אויף א הייך פון דרײַ טויזנט מעטער האָט דער מעכאַניקער געַנומען קריכן איבערן שמאָלן פליגל צוריק אין אעראָפּלאַן אַרײַן.

אונטן האָט זיך געשפּרייט א שוואַרצער וואַלד. בײַ דער זײַט האָט געשוווּמען א צעריי־סענער שטיק וואָלקן. די זון אין הימל האָט געשײַנט, ווי טאָמיד אין זומער. דער אעראָפּלאַן איז זיך געפלויגן ווײַטער, פּונקט ווי גאָרניט איז ניט געשען...

דער דערציילער האָט דאָ אינמיטן איבערגע־ריסן, אַרויסגענומען א צווייטן סיגאַר, פאַרוי־כערט און ווײַטער דערציילט:

— אַף צוריק איז דער מעכאַניקער געקראָכן נאָך פּאַמעלעכער. נאָך פאַרזיכטיקער. זײַנע פאַרווונדעטע, פּאַרבלוטיקטע פינגער האָבן שוין אָנגעהויבן זיך גליטשן איבערן פלאַכן פונעם פליגל. דאָס אויסגעמאַטערטע לײַב קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן: ער איז שוין דאָפּקע נאָענט צו דער טיר פון אעראָפּלאַן, אָבער דער ווינט שטופּט אַראָפּ, אין אָפּגרונט אַרײַן. ניטאָ מער קיין קויכעס. נאָך אַ רעגע, און...

גליעבאָוו האָט די גאַנצע צײַט אופמערקזאַם נאָכגעקוקט נאָך די באַוועגונגען פון זײַן כאַווער. ווען ער האָט דערזען, אַז מעכאַנאָשין האָט שוין מער קיין קויכעס ניט, האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם אעראָפּלאַן אַף אַ זײַט. ביידע מאַטאָריסטן האָבן דעמאָלט אויסגעצויגן זייערע הענט און אַרײַנגעשלעפּט מעכאַנאָשינען אין קאַבינע אַרײַן.

דער אעראָפּלאַן איז זיך ווײַטער געפלויגן זײַן וועג, צו דער צײַט געבראַכט אין שטאַב פון אַרמיי דעם פּאַקעט, צו דער צײַט געקומען מיטן ענטפער.

פאַרגאַפטע זײַנען מיר געזעסן, הערנדיק די דאָזיקע געשיכטע. ס'אַ העלדישקײַט, ס'אַ גרויסע העלדישקייט!

ס'האָבן זיך געפֿונען נאָך כאַווייִרים, וואָס האָבן געוואָלט דערציילן. דער דעזשורנער איבערן קלוב האָט אונדז אָבער דערמאָנט, אַז ס'איז שוין שפּעט, און ער שליסט שוין דעם קלוב. מיר זײַנען זיך אַלע צעגאַנגען.

אינהאלט

א כאַוועד אין שלאַכט 5

אין די רעוואָליוציע פאָדערט. 25

אינדערלופטן 43

Ціна 75 коп.

паліт. 35 коп.

З. СКУДИЦЬКИЙ

ТОВАРИШ У БОРОТЬБІ

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ